בס״ד

מיר ווילן דערברייטערן דעם שמועס און צייגן דאס גרויסקייט פון צניעות און באקאנט מאכן וואס צניעות קען טוהן. מיר ווען ברענגן דאס וואס מיר געפונען געשריבן אין אונזערע הייליגע ספרים, ווי דער ספר הזוהר וואס רבי שמעון בן יוחאי האט געשריבן און אויך אנדערע ספרים. מיר האבן פריער געבדענגט א מדרש אז הקב״ה גלוסט און וויל זיך געפונען אויף די וועלט. דא וועלן מיר באשרייבן ווי אזוי דאס קוקט אויס ווען הקב״ה געפונט זיך אין די וועלט. אין א גאס. מיר וועלן ראס שרייבן לויט ווי מיר געפונען געשריבן אין ענליכע געלעגנהייטן. אצינד, ווי אזוי זעט אויס א גאס אין אלגעמיין,זעהן מיר, עס איז פיל מיט אומריינע מענטשן, מיט פריצות, בעלי עבירות. עס איז צו פארשטיין אז דעריבער געפינען זיך אין די גאס גרויסע מחנות מיט קליפות און מזיקים. אין די גמרא ברכות שטייט אז די קליפות זענען אזוי פיל אז זיי שטייען איינער אויף דעם אנדערן עטליכע שטאק. מען קען זיך נישט פארשטעלן ווי אזוי דאס זעהט אויס. דעם צער פון הקב״ה ווען ער געפינט זיך צווישן די מחנות איז נישט צו באשרייבן, דער שכל פון א מענטש קען דאס נישט באגרייפן. גלייכצייטיג ווערט אויסגערופן אין אלע הימלען און אלע עולמות אז ״דער מלך איז בצער״ און אז דער מלך איז בצער זענען אלע עולמות און אלע נשמות פון גן עדן, אלע מלאכים פון אלע הימלען אויך בצער, עס איז א רעש אין אלע וועלטן.

דעמאלטס גייט דורך די גאס א אידיש קינד באקליידעט מיט בגדי צניעות. אין אונזערע ספרים איז דאך געשריבן אז ווען עס גייט אין גאס א איד וואס פירט זיך על פי התורה, גייען מיט איהם גרויסע מחנות פון מלאכי השרת, עס גייט א גרויסע כח פון קדושה. און ווי די קליפות דערזעהען ראס אנקומען פון רעם גרויסן כח הקדושה, פאלט אויף זיי א גרויס פחד און א פארכטליכע בהלה, זיי צולויפן זיך אין אלע זייטן, זיי טרעטן און הרג'ענען איינער דעם אנדערן. הקב״ה קוקט צו ראס אלעס, די פרייד זיינע כביכול איז נישט צו באשרייבן, אן אויסער געוועגליכע פרייד פון נקמה אין זיינע שונאים. די וואס האבן איהם פריער מצער געווען ווערן פארניכטעט. הקב״ה גייט דורך די גאס מיט דעם אידיש קינד מיט א שטאלץ, אזוי ווי עס שטייט אין תהילים ״ה׳ מלך גאות לבש״. ווען די מלוכה פון הקב״ה ווערט ערהויבן טוהט ער זיך אן א קלייד פון שטאלץ, פון גאות.

וואס טוהט זיך אפ און רעד צייט אין הימל? מיר האבן דאס נישט געזעהן, נאר מיר קענען ברענגן וואס עס שטייט אין אונזערע הייליגע ספרים ווי אויך אין דעם ספר הזוהר. גלייך ווערט אויסגערופן אין אלע הימלען ״דער מלך איז בשמחה״. אלע נשמות און מלאכים קוקן ארונטער צו זעהן וואס איז געשעהן, זיי זעהן ווי די שונאים פון הקב״ה ווערן פארניכטעט, זיי זעהן ווי זיי לויפן מיט א שרעקליכע בהלה. די נקמה איז גרויס, נישט צום באשרייבן. זיי זעהן דעם גרויסן כח הקדושה וואס באזיגט די קליפות. א גרויסער פלאם פון ליכטיגקייט גייט אין גאס און ער ווארפט ליכט שטראלן און אלע זייטן, די שטראלן פארניכטן די קליפות. די קרושה הערשט צייטווייליג אין די גאס, עס ווערט אן אויסער געוועגליכע גרויסע שמחה אין וועלטן. און אלע הערן זיך צו ווי מען רופט אויס: אז דעם נצחון, דעם גרויסן זיג פון די קדושה און די גרויסע שמחה פאר הקב״ה האט צוגעשטעלט א אידיש קינד וואס איז אדארך געגאנגען די גאס בלבוש צניעות מיט'ן נאמען פב״פ. אלע טוהן פארצייכענען דעם נאמען. נאך א הונדערט צוואנציג יאהר ווען זיי הערן אויסרופן דעם נאמען, צו אנטקעגן גיין און אפגעבן דעם כבוד וואס עס קומט פאר די נשמה וואס האט צוגעשטעלט די גרויסע שמחה פארן מלך און אויך פאר אלע עולמות. דעם כבוד אין הוד והדר וואס ווערט ראן צוגעטיילט פאר די נשמה, איז די פענע נישט פעהיג צו באשרייבן.

Typing by: 718-972-4035

## דער שכר פון צניעות

די מוטער פונעם רבי'ן ר' אלימלך פון ליזענסק זי"ע, די רעבעצין מירל ע"ה, איז געווען באוואוסט אלס א גרויסע יראת שמים און א צדיקת. איר פאטער האט געהאט א שענק וואו ער האט פארקויפט ביר, בראנפן און אנדערע געטראנקען, און כדי דער טאטע זאל קענען זיצן און לערנען בהרחבת הדעת, פלעגט זי פון איר יוגנד אן שטיין אין דעם שענק א גאנצן טאג און געגעבן משקה פאר אלע וואס זענען געקומען קויפן.

וויבאלד אין שענק זענען אריינגעקומען אסאך גויים און שיכורים, האט זי געטוהן צוויי מיטלען זיך צו דערוווייטערן פון זיי. איינס, אז איר שלייער (שאל) איז געהאנגען אביסל איבער איר פנים צו פארדעקן איר געזיכט, און דאס צווייטע, אז זי האט גערעדט נישט קלאר נאר ווי פארשלאפן.

מען האט איר אנטפלעקט פון הימל אז אין דעם זכות וועט זי זוכה זיין צו א מנורה מיט זיבן לעכט, דאס מיינט, זיבן קינדער צדיקים.

זי האט חתונה געהאט צו דעם צדיק הרה"ק רבי אליעזר ליפא זצ"ל און האט זוכה געווען צו זיבן הייליגע קינדער. (נעמליך, דער רבי ר' אלימלך, דער רבי ר' זושא, רבי נתן, רבי אברהם, א שוועסטער וועלכע איז געווען די באבע פונעם הייליגן בני יששכר, א שוועסטער מרת עלקא וועלכע האט חתונה געהאט מיט הרב בכרך פון טיקטין, און נאך איין געשוויסטער וועלכע איז אונז נישט באוואוסט).

דאס איז דער פרייז וואס השי"ת צאלט פאר צניעות'דיג צוגעדעקט: בנים צדיקים!!

מאך זיך אן אייגענעם חשבון אויב עס לוינט!!!

## די שאל

בזמן הש"ס איז א אידישע פרוי נישט ארויס אן א שאל אויף די קליידער, דער רמב"ם פסק'נט אז יעדע אידישע פרוי איז מחוייב נאר מיט א שאל ארויס אין רשות הרבים, אז מען וועט גוט אריינטראכטן וועט מען זעהן וויפל צניעות און קדושה עס ליגט דערין, די גאנצע תאוה פון זיך אויספוצן אויפן גאס ווערט אפגעשטעלט ווייל וואס איז זיך שוין דא צו פוצן אז רוב קלייד איז ארומגענומען מיט א שאל, און די ידיעה אז איך טוה עס אן נאר כדי צו זיין אינגאנצן פארדעקט ברענגט אריין געפילן פון קדושה און יראת חטא, איך זאל טאקע זיין וואס מער צניעות'דיג פון די קאפ ביז די פיס, און מען ווערט מער רגיש (סענסעטיוו) זיך צו פארעכטן וואס ביז יעצט האט מען אפילו נישט באמערקט, מען זעהט קלאר אז ווען ביי אונז שטארק מען זיך מיט די שאלן איז עס משפיע אז אסאך טוהען זיך אויס שייטלען און עס ברענגט א רוח טהרה אויף גאנץ כלל ישראל.

געדענק: **"המקדש עצמו מעט מלמטה מקדשין אותו הרבה מלמעלה"** קדושה איז תענוג, קדושה איז אהבה, זיסקייט מיט השי"ת, גדולים האבן געזאגט: עס איז יעצט א גאלדענע געלעגנהייט די וואס טוען יעצט אן די שאל וועט זיין **"<u>שאל</u> ממני ואתנה"** (תהלים ב'), מען וועט ווערן געהאלפן מיט ישועות רפואות למעלה מן הטבע.

ווער עס קען נאך נישט אנטוהן די שאל וועגן אייגענע שוועריקייטן אדער שוועריקייטן פון די משפחה מיטגלידער זאל כאטש אנפאנגען צו מתפלל זיין און אריינלייגן אסאך בחות אין תפילה וועגן דעם מען זאל זוכה זיין צו קענען זיך מתגבר זיין אויף אלע מניעות און עס זאל נישט זיין קיין עיכובים נישט פון זיך אליין און נישט פון מאן און אנדערע פון די משפחה.

די תלמידי הבעל שם טוב פלעגן זאגן: אויב א מענטש וויל עפעס א זאך אבער ער האט עס נאך נישט באקומען איז א צייכן אז ער האט נאך נישט גענוג געבעטן און מתפלל געווען אויף דעם, ווייל מיט תפילה קען מען אלעס אויס'פועלן.

אלע שיינע קליידער, טיכלעך און צירונגען לאזט אויף אין דערהיים, השי"ת האט געגעבן פאר א פרוי א מיידל אן אינסטינקט פון וועלן "געפעלן" און וועלן "פוצן" (נישט ווי ביי די מענער וואס אינטערעסירט זיי נישט קיין סאך ווי זיי זעהען אויס), אבער אז מען נוצט עס אין די ריכטיגע וועג אין דערהיים, צווישן די פיר ווענט פון הויז, פארן אייגענעם מאן ווערט דער נפש פון די פרוי זאט דערפון און מען איז דאן בכח ארויס גיין אין גאס 100% צניעות'דיג, מען איז נישט אויסגעהונגערט צו געפעלן פאר די גאס ווייל מען האט זיך נאכגעגעבן די הנאה אויפן ריכטיגן פלאץ, "לא נתנו תכשיטים לאשה אלא בתוך ביתה".

מען זאגט: דער גרעסטער ארעמאן איז דער וואס בעטלט אביסל אויפמערקזאמקייט (קוק ווי שיין איך זעה אויס), אונז זענען בנות מלכים נישט פראסטע ארעמע לייט, מיר וועלן מער נישט גיין הונגעריג אין די גאסן הערן קאמפלימענטן וועגן אונזער שיינקייט, כי יתאוו המלך "יפייך" עס איז נאר לכבוד השי"ת, מיר וועלן אנפילן אונזער הארץ מיט אהבת ה', וועלן נאר אים געפעלן.

יעצט לאמיר מאכן דעם חשבון, וויפל האבן מיר פון דעם "שלא שינו" און וואס קענען מיר ענדערן צום גוטן מער ווי ביז יעצט, צוריק צוגיין צו דעם "צאי לך בעקבי הצאן", בפרט בעטן זייער שטארק די גדולים מען זאל אנטוהן דעם שאל.

דער חפץ חיים אין שער התורה זאגט: גיין ווי די אבות ואמהות ברענגט אראפ זייער שפע, ווייל דאס מאכט דעם קשר צווישן אונז און די פריערדיגע דורות, ווי ר' מאיר אבוחצירה האט דערציילט אז אין מרוקו האבן זיי אפילו נישט געוואלט בייטן די ברונעמ'ס פאר קראנען און די ליכט פאר לעקטער זאגנדיג אז עס ליגט אין דעם גאר א טיפער ענין, צו בלייבן ווי די עלטערן ברענגט מען אראפ אסאך מער די השפעות פון זייערע זכותים, דאס האט ער געזאגט אויף פשוטע גשמיות'דיגע באקוועמליכקייטן, ווי נאך בייטן לבושים וואס אין יעדן טויש ליגט מער מאדע מער אויפפאלענד און ווייניגער צניעות.

אויב השי"ת האט באשטימט אז דוקא אין זכות פון "שלא שינו" וועט ער אונז אויסלייזן, קענען מיר נישט זאגן אז אנדערע זכותים זענען גענוג נאר מען מוז דוקא צוריק גיין פונקטליך צום לבוש פון פריערדיגע דורות.